שנה א' גליון ה'
**פרשת וירא**
תשפ"ד

גליון
# יומא בהילולא

## לוח ההילולא

<u>כ' חשון</u>

א) הרה"ק ר' שלום מקאמניקא זצ"ל.
ב) הגאון ר' מנחם נחום זצ"ל דומ"ץ הורדנא.
ג) הגאון ר' יהודא ליב סג"ל וויינבערגער זצ"ל אב"ד ניגרעשט.

<u>כ"א חשון</u>

א) הגה"ק רבי אברהם אזולאי זצ"ל בעל חסד לאברהם.
ב) הגאון ר' ארי' ליב טעלטש זצ"ל.
ג) הגאון רבי גדליה גליק זצ"ל מבוקין.

<u>כ"ב חשון</u>

א)הגה"ק רבי משה לימא זצ"ל בעל חלקת מחוקק.
ב) הגה"ק רבי ישכר דוב בעריש זצ"ל אב"ד פאדהייץ.
ג)הגאון רבי עזריאל הלוי איש הורוויץ זצ"ל אב"ד לובלין.

<u>כ"ג חשון</u>

א) הגה"ק היר"ח מאזמיר זצ"ל הראשון לציון.
ב) הרה"ק רבי אברהם חיים הורוויץ זצ"ל אב"ד לינסק.

<u>כ"ד חשון</u>

א) הרה"ק רבי יוסף לאנדא זצ"ל אב"ד יאסי.
ב) הרה"ק רבי יוסף חיים מפיסטין זצ"ל.

<u>כ"ה חשון</u>

א) הרה"ק ר' נפתלי מליזענסק זצ"ל.
ב) הגאון ר' יצחק בעהם זצ"ל דומ"ץ קראלי.

<u>כ"ו חשון</u>

א) הגאון רבי שלמה סג"ל חריף זצ"ל אב"ד לבוב.
ב) הגאון רבי אליעזר ליפמאן דיוס זצ"ל.

## כ' חשון

### הרה"ק ר' שלום הלוי ראזנפעלד מקאמניקא זצ"ל.

געבוירן בערך שנת תק"ס אין שטאט ראווא, צו זיין פאטער מו"ה ר' יעקב יוסף ז"ל און זיין מוטער מרת יענטע ע"ה. ער האט געלערנט ביי הגאון ר' צבי חריף זצ"ל און הגאון ר' שלמה קלוגער זצ"ל. אלס קינד האט אים זיין פאטער גענומען צום הייליגן חוזה פון לובלין זצ"ל. אין זיינע יונגע יארן איז ער געווען מפורסם אלס עלי' פון ראווא. איידער ער איז געווארן דרייצן יאר איז ער א חתן געווארן מיט זיין כלה מרת חנה גאלדא, די טאכטער פון הגביר מו"ה נפתלי נתן הירש ז"ל פון קרעשוב. נאך די חתונה איז ער באקאנט געווארן מיט הרה"ק ר' אליעזר'ל מדיזקוב זצ"ל און ער איז געפארן זיך מוסתופף זיין בצ"ק פון ראפשיצער רב הרה"ק בעל זרע קודש זצ"ל. דארט איז ער נתקשר געווארן בקשרי ידידות ועבותות אהבה צום הייליגן צאנזער רב זצ"ל. ווי אויך איז ער געפארן צו נאך צדיקי הדור ובותכם, הרה"ק השר שלום מבעלזא והרה"ק בעל בני יששכר ועוד. אים שנת תקפ"ב איז ר' שלום געווארן רב אין שטאט ביראטשוב און אין יאר תקצ"ז איז ער געווארן רב אין שטאט קאמניקא. סוף ימיו האט ער געוואלט ארויף גיין קיין ארה"ק אבער למעשה לא אסתייעא מילתא. ער איז געווען א גאון מפורסם חריף עצום מקובל קדוש ונורא חכימא דיהודאי. ער איז נסתלק געווארן ביום שבת קודש, כ' לחודש חשון תרי"ב ומנו"כ אין שטאט קאמניקא.

### הגאון ר' מנחם נחום זצ"ל דומ"ץ הורדנא.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון יחיאל מיכל הלוי זצ"ל. ער איז געווען פון די גרויסע גאונים אין זיין דור, א גאון אדיר ומובהק עמוד ההוראה חו"פ בוצ"ק. ער איז נסתלק געווארן ביום כ' חשון תקס"ח. ומנו"כ אין הורדנא. (ראה בספר עיר גבורים-הורדנא)

### הגאון ר' יהודא ליב סג"ל וויינבערגער זצ"ל אב"ד ניגרעשט.

געבוירן צו זיין פאטער הגאון ר' פנחס זצ"ל אב"ד ניגרעשט. נאך זיין חתונה האט ער נישט געוואלט זיך משתמש זיין בכתרה של תורה האט ער עוסק געווען אין מסחר. אפילו ווען זיין טאטע איז נסתלק געווארן, בשנת תרנ"ג, האט ער נישט געוואלט מ"מ זיין טראץ וואס ער איז געווען די עלסטע פון די ברידער. עס איז אויפגענומען געווארן במקומו זיין ברידער הגאון ר' שמואל לוי זצ"ל. נאך עטליכע יאר, בשנת תרנ"ה, איז ער ל"ע געווארן א יורד, דאן האט זיין ברידער מוותר געווען אויף די כס הרבנות און ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט ניגרעשט ביז זיין פטירה ביום כ' חשון, שנת תרצ"ב ומנו"כ אין ניגרעשט. (ראה עלי זכרון 43)

## כ"א חשון

### הגה"ק רבי אברהם אזולאי זצ"ל
### בעל חסד לאברהם.

געבוירן אין שטאט פאס – מאראקא, צו זיין פאטער רבי מרדכי זצ"ל (ער האט געשטאמט פון די משפחת חכמי קשטילייא און ספרד- שפאניע, וואס נאכן גירוש זענען זיי אנטלאפן קיין מאראקא). צוליב רדיפות פון די ארטיגע גוים איז ער פון דארטן ארויף קיין ארה"ק ת"ו. אויפן וועג פארנדיג אויפן ים האבן זיי זיך אמאל אפגעשטעלט אין שטאט קפוטקיא – מצרים. ווען זיי זענען אראפ אויף די יבשה איז געקומען א שטורעם ווינט און פארשוועמט זייער גאנצע פארמעגן וואס איז פארבליבן אויפן שיף און זייער לעבן איז געראטעוועט געווארן. כדי צו געדענקען די נס וואס השי"ת האט געטוהן מיט אים, פלעגט ער אויף זיין חתימה ארויפמאלן א בילד פון א שיף. ווען ער איז אנגעקומען קיין ארה"ק האט ער זיך באזעצט אין שטאט חברון. ער איז געווען אן איש קדוש און גרויסע בעל מקובל. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"א חשון שנת ת"ד. ער האט מחבר געווען אסאך ספרים אויף קבלה צווישן זיי, חסד לאברהם, בעל ברית אברהם, הגהות אויפן רמב"ם, עטליכע ספרים אויפן זהר, קיצור כוונת האר"י ועוד. (ראה שם הגדולים מנכדו הגה"ק החיד"א)

## הגאון ר' ארי' ליב טעלטש זצ"ל.

געבוירן בערך שנת תקי"ב אין שטאט ראדעניץ צו זיין פאטער ר' חיים זצ"ל. ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאר האט געלערנט ביי הגאון ר' זרך איידליץ זצ"ל דומ"ץ פראג. ער האט חתונה געהאט מיט מרת שרה, די טאכטער פון זיין ברידער ר' שלמה טעלטש זצ"ל. אין יאר תקס"ז איז ער געווארן רב אין שטאט שטאמפען (שטאמפי). שפעטער איז ער געווארן רב אין שטאט גאלאנטא. אסאך שטעט האבן אים געבעטן צו ווערן זייער רב אבער ער האט זיי אפגעזאגט מיטן הסבר אז ער ווייסט אז ער דארף נקבר ווערן אין גאלאנטא. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און כל הש"ס וד' חלקי שו"ע זענען געווען שגורים על פיו. מיט דעם אלעם, ווען עס איז צו אים געקומען א שאלה האט ער עס נאכגעקוקט פון אינערוויינינג. אנהייב יאר תק"ץ, איז ער איין טאג געשטאנען לפני פתח ביתו און זיך מפלפל געווען מיט א תלמיד חכם, אינמיטן איז אדורך געגאנגען א סטאדע אקסען און איין אקס האט אים ארויפגעכאפט אויף זיינע הערנער און אים געווארפן. ער האט זיך ל"ע צובראכן זיין גוף און געהאט גרויסע יסורים. א קורצע צייט שפעטער, ביום כ"א חשון שנת תק"ץ איז ער נסתלק געווארן ומנו"כ אין שטאט גאלאנטא. (ראה ספר קרות בתינו שטאפי)

## הגאון רבי גדליה גליק זצ"ל מבוקיני.

געבוירן ביום ו' אדר א' שנת תקנ"ו אין שטאט פאפא צו זיין פאטער ר' חנוך ז"ל. ער איז געווען א תלמיד פונעם חתם סופר זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת אסתר ע"ה בת הרה"צ ר' אברהם אורנשטיין זצ"ל. ער איז געווען א למדן מופלג און א גביר עצום און זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד. בזוו"ש האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון ר' משה ליבערמאן זצ"ל אב"ד אבראהאם. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"א חשון שנת תרמ"ב ומנו"כ אין בוקיני. מח"ס חיי עולם (נדפס בערמיהאלפאלווא תרנ"ט) על מסכת וסיגות הש"ס. (ראה עלי זכרון 4)

# כ"ב חשון

## הגה"ק רבי משה לימא זצ"ל בעל חלקת מחוקק.

געבוירן בערך שס"ה אין שטאט סלאנימא (סלאנים), צו זיין פאטער רבי יצחק יהודה זצ"ל. אלס בחור האט ער געלערנט ביי הגה"ק רבי יהושע חריף זצ"ל בעל מגיני שלמה און קראקא. זייענדיג אין קראקא האט ער זיך באקענט מיט די רבי ר' העשיל מקראקא זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון רבי שמואל זאנוויל מווילנא זצ"ל אב"ד נעשוויז ורוזנאי. בערך אין יאר ש"ץ איז ער געווארן רב אין שטאט סלאנימא און האט דארט פארמאגט א ישיבה. בערך אין יאר ת"י איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט ווילנא. סוף ימיו איז ער געווארן רב אין שטאט בריסק. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ב חשון שנת תט"ז וי"א תי"ז וי"א תי"ח מח"ס חלקת מחוקק על שו"ע אבן העזר.

## הגה"ק רבי ישכר דוב בעריש זצ"ל אב"ד פאדהייץ

געבוירן שנת תע"ג צו זיין פאטער הגה"ק רבי יהושע זצ"ל בעל פני יהושע און זיין מוטער די טאכטער פון השר הנגיד רבי ישכר בעריש זצ"ל מלבוב. אלס יונג קינד איז ער שוין געווען באקאנט אלס א גדול בתורה. ער האט געלערנט אין די ישיבה פון זיין פעטער הגאון רבי צבי הירש חריף זצ"ל אב"ד האלבערשטאט. ער האט חתונה געהאט מיט האשה מרת שפרה בת הגאון ר' ארי' ליבוש זצ"ל מבוטשאטש. ווען ער איז אלט געווען בלויז צוואנציג יאר איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט פאדהייץ און מדינת פודוליא (-מזרח גאליציא). טראץ זיין יונגע עלטער איז ער געווען פון די פארי גאוני גאליציא. בשנת ת"ק האט זיין טאטע, דער פני יהושע, פראבירט צו שתדל'ן ביי די פרנסי פון די שטאט מיץ אז זיי זאלן נעמען זיין זון ר' ישכר בעריש אלס רב אנשטאט אים, (דער פני יהושע איז דאן געווארן רב אין פראנקפורט-דמיין) אבער די ראשי הקהילה האבן נישט געוואלט וועגן ער איז דאן נאך געווען זייער יונג. און יאר תק"ה ווען דער פני יהושע איז שוואך געווארן איז ער געגרופן געווארן קיין פראנקפורט-דמיין ארויס צו העלפן דעם טאטן מיטן רבנות. אויפן וועג, זייענדיג אין שטאט בערלין איז ער צאמגעפאלן און עטליכע טעג שפעטער איז ער נסתלק געווארן, אלט זייענדיג בלויז צוויי און דרייסיג יאר, ומנו"כ אין שטאט בערלין. זיין זוהן הגאון רבי צבי הירש רוזאניש זצ"ל אב"ד לבוב האט אין זיין ספר תשע שיטות אריין געלייגט דעם קונטרס "חזקת אהבתא" וואס ענטהאלט אין זיך אביסל חודשי תורה פון זיין טאטע.

## הגה"ק רבי עזריאל הלוי איש הורוויץ זצ"ל אב"ד לובלין.

געבוירן שנת תקי"ז אין שטאט זאמושטש צו זיין פאטער הגאון רבי דוב זצ"ל און זיין מוטער- דער טאכטער פון הגאון ר' ארי' לייבוש קאנשיגער זצ"ל אב"ד הרובשוב. ער האט געלערנט ביי הגאון החריף ר' יעקב יצחק הויכגילערנטער זצ"ל אב"ד זלאטשוב, ביז ער איז מפרסם געווארן אלס עלוי'. ער איז געווארן אן איידעם ביי הגביר ר' בנימין בושקא זצ"ל משמש ועד ארבע ארצות. ערשט איז ער געזעצן סמוך על שלחן פון זיין שווער פאר א לאנגע תקופה און געלערנט מיט א שקידה נפלאה ימים ולילה. שפעטער איז ער אריין לערנען אין די באוויסטע קלויז אין שטאט בראד. דארט האט ער געלערנט אינאיינעם מיט הגאון ר' אפרים זלמן מרגלית זצ"ל בעל בית אפרים. נאך א קורצע תקופה לערנענדיג אין בראד, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט קראשינק. דערנאך בערך בשנת תקס"ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין די עיר ואם בישראל לובלין. ער איז געווען באוויסט אלס שר התורה ועמוד ההוראה, א גאון אדיר וחריף עצום און בקי נפלה און שארפער מוח. נישט אומזיסט איז ער באקאנט מיט זיין טיטל "דער אייזערנער קאפ" [ראש הברזל]. רבנים פון די גאנצע וועלט האבן געברענגט זייערע שאלות צו אים. טראץ זיין התנגדות צו דרך החסידות האט אים דער הייליגער חוזה פון לובלין זצ"ל מכבד געווען און אפילו געשיקט זיינע חשובע תלמידים הרה"ק בעל ישמח משה מאיהעל זצ"ל און די יהודי הק' פון פרשיסחא זצ"ל זיך צו משתעשע זיין מיט אים בפלפולי דשמעתתא, און הרה"ק מלובלין זצ"ל האט זיך מעיד געווען אויף אים אז ער האט געלערנט תורה בטהרה. ער איז נסתלק געווארן ביום השבת כ"ב חשון תקע"ט, אלט זייענדיג בלויז צוויי און זעכציג יאר ומנו"כ אין לובלין. מען האט פון אים געדריקט די ספר תשובות וחידושי "ראש ברזל". (ראה מבוא לספר ראש ברזל)

## כ"ג חשון

### הגה"ק רבי רפאל יוסף חזן מאיזמיר זצ"ל הראשון לציון בעיה"ק ירושלים תובב"א.

געבוירן שנת תק"א אין שטאט איזמיר- טערקיי צו זיין פאטער ר' חיים זצ"ל. זייענדיג גאר יונג איז ער שוין געזעצן און געלערנט רוב שעות פון טאג. ווען ער איז אלט געווען בלויז זיבעצן יאר האט ער שוין גע'דרשנט ברבים. ער האט חתונה געהאט מיט האשה מרת ריינא ע"ה. אין יאר תק"נ איז ער נתמנה געווארן אלס דיין אין בית דין פון שטאט איזמיר. ער איז געווען א גרויסע מרביץ תורה און איז ארומגעפארן אין די גאנצע מדינה מרביץ תורה זיין. אזוי אויך איז ער געווען א שטארקע בעל דרשן און זיינע דרשות האבן אנגעווארעמט די הערצער פון אידישע קינדער. אין שנת תקע"ג איז ער ארויף געפארן קיין ארה"ק און זיך באזעצט אין עיר האבות חברון. דארט איז ער נתמנה געווארן אלס ראב"ד ור"מ. צוויי יאר שפעטער איז ער נתמנה געווארן אלס רב אין ירושלים. פון די גאנצע וועלט האט מען אים געפרעגט שאלות פון אלע שיכטן פון כלל ישראל, אשכנזים און ספרדים צו גלייך. ער איז נסתלק געווארן בשיבה טובה, ביום כ"ג חשון תקפ"א, אלט זייענדיג אכציג יאר ומנו"כ בהר הזיתים. מח"ס חקרי לב י"ג חלקים שו"ת, וספר מערכי לב דרשות. (ראה ספר מעשיהם של צדיקים)

### הרה"ק רבי אברהם חיים הורוויץ זצ"ל אב"ד לינסק.

געבוירן בערך שנת תקצ"א לפ"ק צו זיין פאטער הרה"ק ר' מנחם מענדל השני מלינסק זצ"ל און צו זיין מוטער הרבנית פריידא ע"ה בת הרה"ק ר' נחום מפאשוב זצ"ל. ער איז גערופן געווארן ע"ש פון זיין זיידן הרה"ק ר' אברהם חיים הראשון מלינסק זצ"ל. ער האט זיך מוסתפף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל און בצ"ק פון הרה"ק השר שלום מבעלזא זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית מרת מרים יוכבד ע"ה בת הגאון ר' ישכר בעריש בער זצ"ל אבד"ק איסטעריק וליטאוויסק. נאכן הסתלקות פון זיין פאטער, בשנת תרכ"ב, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט לינסק און ער איז געשטאנען בראש העדה פאר איבער פערציג יאר. במשך פון די יארן האט ער אויפגעטוהן גדולות ונצרות סיי פארן שטאט לינסק און סיי פארן גאנצן גליל ארום. ער איז געשטאנען בראש המחנה און געווען א פרנס על עדת ה', געפירט די בני העיר על מי מנוחות. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ג חשון שנת תרס"ה ומנו"כ אין שטאט לינסק. (ראה בספר זרעא קדישא פרק ז')

## כ"ד חשון

### הרה"ק רבי יוסף לאנדא זצ"ל אב"ד יאסי.

געבוירן בשנת תקנ"א צו זיין פאטער הגאון ר' מנחם מענדל זצ"ל אב"ד באהסלוב (באריסלאב). ער איז געווען פון די צעירי תלמידי הרה"ק בעל קדשת לוי מבארדיטשוב זצ"ל און מגדולי תלמידיו פון הרה"ק מרוזין זצ"ל. אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק ביי הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זצ"ל און ביי הרה"ק רבי ברוך ממעזבוש זצ"ל. אין אנפאנג איז ער געווען רב אין ליטין. אין שנת תקצ"ד איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין יאסי. ער איז געווען א גאון מובהק און צדיק מפורסם. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ד חשון שנת תרי"ד. מח"ס שו"ת ברכת יוסף. (ראה קונטרס סניגורן של ישראל דף 79)

### הגה"ק רבי יוסף חיים מפיסטין זצ"ל.

געבוירן שנת תקל"ה אין שטאט באהסלוב (באריסלאב), צו זיין פאטער הגאון רבי יהושע יצחק זצ"ל. ווען ער איז געווען א קליין קינד איז ער נתייסם געווארן פון זיין טאטען ל"ע און ער איז נתגדל געווארן על ברכי הרה"ק דער שפאלער זיידע זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת חיה בת הנגיד ר'יצחק ע"ה. ער האט זיך מוסתפף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל קדשת לוי זצ"ל, הרה"ק בעל התניא זצ"ל, הרה"ק רבי ארון מפאווליטש זצ"ל ואחיו הרה"ק רבי דוב מלאנוב זצ"ל (נכדי הבעש"ט) און ביי הרה"ק רבי אהרן מזיטאמער זצ"ל בעל תולדות אהרן, הרה"ק בעל אהבת שלום מקאסוב זצ"ל ובנו הרה"ק בעל תורת חיים זצ"ל. ער האט מקבל געווען סמיכה פון הגאון רבי אפרים זלמן מרגלית זצ"ל בעל בית אפרים. ער איז געווען רב אין שטאט פיסטין און איז געווען א למדן מופלג און מקובל אלוקי. א גאנץ לעבן האט ער געהאט אסאך צרות, צער גידל בנים און דוחק הפרנסה. מיט די צייט האט ער איבערגעלאזט זיין שטאט און איז געווען נא ונד אין די אונגארישע שטעט. ער פלעגט אסאך פארן קיין טשענגער צו זיין ידיד הרה"ק בעל מנוחת אשר מטשענגער זצ"ל. סוף ימיו האט ער געוואלט ארויף גיין קיין ארה"ק אבער די מנוחת אשר האט אים אפגעהאלטן פון דעם. איין מאל באזיכנדיג זיין ידיד הרה"ק רבי משולם פייש מטאהש זצ"ל, אין די שטעטל ניר-טאהש, איז ער צאמגעפאלן, מען האט אים דאן אריבערגעפירט צו די דערנעבנדיגע שטאט קליינווארדיין. און א קורצע תקופה שפעטער איז ער נסתלק געווארן ומנו"כ אין קליינווארדיין. זיינע ד"ת האט מען געדריקט אין ספר תוספות חיים. (ראה שם הגדולים מארץ הגר ובקונטרס סניגורן של ישראל דף 80)

## כ"ה חשון

### הרה"ק רבי נפתלי ווייסבלום מליזענסק זצ"ל.

געבוירן בשנת תקכ"ה צו זיין פאטער הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זצ"ל (בן הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זצ"ל). ביזן עלטער פון צוויי און צוואנציג יאר האט ער זיך נאך מסתופף געווען בצ"ק פון זיין זיידן, דער רבי ר' אלימלך זצ"ל. נאכן הסתלקות פון אביו זצ"ל, האבן אסאך צדיקי הדור איהם מפצר געווען אז ער זאל מקבל זיין די עול ההנהגה, אבער ער איז פון דעם אנטלאפן זיין גאנץ לעבן. איין מאל א יאר האט ער זיך יא מגלה געווען, ביום הפורים האט ער געפראוועט מופתים למעלה מדרך הטבע ממש. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ה חשון שנת תקצ"ט ומנו"כ אין ליזענסק.

### הגאון ר' יצחק בעהם זצ"ל דומ"ץ קראלי.

געבוירן בערך שנת תקע"ט אין שטאט קראלי, צו זיין פאטער

רבי צבי ז"ל און זיין מוטער מרת אסתר ע"ה. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי מאיר פערלס זצ"ל אב"ד קראלי. ער האט חתונה געהאט מיט מרת פראדל בת רבי יונה ז"ל מקראלי. הגם זיין פאטער איז נישט געווען א חסיד איז ער אבער יא נתקרב געווארן צו חסידות. נאך אלס בחור האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל און ער איז געווען מגדולי חסידיו. ער האט באקומען סמיכה לדון ולהורות פון רבו הגאון רבי מאיר פערלס זצ"ל און ער איז אויפגענומען געווארן אלס דיין אין שטאט קראלי. ער האט מייסד געווען אבית המדרש וואס מען האט דארט געדאווענט בנוסח ספרד. אין שנת תרכ"א האט ער געדריקט די ערשטע מהדורה פון ספר ישמח משה על במדבר דברים, בהסכמות הרה"ק מצאנז זצ"ל והרה"ק בעל יטב לב מסיגוט זצ"ל). דער צאנזער רב שרייבט "הרב המופלג וכו' מוה' יצחק איצק נ"י דיין קיראל" וכו'. דער ייטב לב שרייבט "הרב המופלג ובקי מו' יצחק נ"י הדיין המצוין מק"ק קראלא, אשר נדבה רוחו אותו לדלג על ההרים, להביא למלאכת הדפוס ס' ישמח משה על במדבר דברים וטרחתו מרובה בנפשו ומאודו ע"כ נוצר תאנה יאכל פריה, זו שכרה" וכו'. בעת ווען דער דברי חיים האט געפירט די מלחמה קעגן חסידות סאדיגורא, איז רבי יצחק געווען בין החתומים אויפן כתב הפס"ד, אין אסרו חג שבועות שנת תרכ"ט, אקעגן חסידות סאדיגורא. אין בערך שנת תרל"ג האט ער זיך ארויפגעצויגן קיין ארה"ק ת"ו. די סיבה פארוואס ער האט פארלאזט קראלי איז געווען, וועגן בשעת ווען רבותינו הק' תלמידי החתם סופר האבן געמאכט די טיילונג אין אונגערן, האט זיין רבי ר' מאיר פערלס זיך נישט צוגעשטעלט צו די תלמידי הח"ס, נאר זיין קהלה איז געווארן א שטאטסקווא קהלה, און די יראים אין שטאט קראלי האבן דעמאלטס געעפנט אן ארטאדאקסישע קהלה און האבן אויפגענומען ר' יצחק אלס זייער רב. ר' יצחק האט זיך אבער נישט געוואלט קריגן מיט זיין רבי'ן, ממילא האט ער איבערגעלאזט זיין פאסטן און זיך באזעצט אין בתי מחסה אין ירושלים. (ראה בספר חכמי טראנסילבניה ח"ב עוד טעמים). אין ארץ ישראל איז נסתפרס געווארן צדקתו ולמדנותו און ער איז געווען פון די ראשי כולל אונגארן. אזוי אויך האט ער געדינט אלס חבר הביד"ץ אין איינע פון די בתי דינים אין ירושלים. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ה חשון שנת תרמ"ח ומנו"כ אויפן הר הזיתים. (ראה עלי זכרון 43)

## כ"ו חשון

### הגאון רבי שלמה סג"ל חריף זצ"ל אב"ד לבוב.

געבוירן צו זיין פאטער רבי יצחק אברהם מבית לוי זצ"ל. ער איז געווען אן איידעם ביי הגאון ר' יוסף כ"ץ זצ"ל בעל שארית יוסף. ער איז געווען א גאון אדיר, חריף עצום, מפולג בחסידות, זקן ויושב בישיבה. ער האט משמש געווען ברבנות אין לבוב מיט הגאון בעל מגיני שלמה זצ"ל. פערציג יאר האט ער מרביץ תורה געווען און עס איז ארויס פון זיין ביהמ"ד גאוני וגדולי ארץ. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ו חשון שנת שצ"ח. (ראה ספר אנשי שם)

### הגאון רבי אליעזר ליפמאן דיוס זצ"ל.

געבוירן צו זיין פאטער רבי יוחנן ז"ל. ער איז ערשט געווען א דיין בק"ק גרעטיץ. שפעטער איז ער געקומען קיין האמבורג ווי ער איז געזעצן על התורה ועל העבודה און האט מקיים געווען אדם כי ימות באהל. ער איז נסתלק געווארן ביום א' כ"ו חשון שנת תק"צ ומנו"כ קעניגשטאראסע. (ראה ספר חכמי אה"ו)

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או
לקבל הגליון, ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com